# זינגען מיט דער שטילקייט:
# דאָס לעבן און שאַפֿן פֿון דוד פֿראַמען
# צום הונדערטסטן יובֿל פֿון זײַן געבוירן-יאָר
# פֿון יוסף שערמאַן

## פֿאַרקירצט און איבערגעזעצט: רעדאַקציע (ש"ב)

דעם 10טן יולי 1998, ווען דוד פֿראַם איז נפֿטר געוואָרן צו פֿינף און אַכציק יאָר, איז אַנטשוויגן געוואָרן איינער פֿון די חשובֿסטע און בלײַביקסטע ייִדיש-פּאָעטן פֿון דרום-אַפֿריקע. צום הונדערטסטן יובֿל פֿון זײַן געבוירן ווערן איז אַ כּבֿוד פֿאָרצושטעלן אַן ביאָגראַפֿישן און קריטישן איבערבליק פֿון זײַן לעבן און שאַפֿן, בשעת די צאָל פֿאַרבליבענע ייִדיש-פּאָעטן ווערט וואָס אַ מאָל קלענער.

חוץ זײַן געבוירן-אָרט, די ליטע, איז דער פּאָעט געווען באמת באַקוועם, במשך זײַן פֿײַנלעכן נע-ונאַד, נאָר אין לאָנדאָן. זײַן פֿאַרשטאָרבענע צווייטע פֿרוי, פּאַמעלאַ, איז געבוירן געוואָרן און האָט זיך אויפֿגעהאָדעוועט אין לאָנדאָן — און כאָטש דאָס פּאָרפֿאָלק האָט דווקא פֿאַרבראַכט זייער גאַנץ זיווג-לעבן אין דרום-אַפֿריקע, האָבן זיי כּסדר גערעדט פֿון לאָנדאָן, וויניקער ווי פֿון זייער היים ווי פֿון זייער גליק. נאָר וואָס טוט גאָט? דוד פֿראַמען ווערט מען גראַד געדענקען ווי דער חשובֿסטער ייִדיש-פּאָעט פֿון אַפֿריקע. זײַן דיכטונג, ווי זײַן באַטייליקן זיך אין געזעלשאַפֿטלעכן, פּאָליטישן, און אַרטיסטישן לעבן פֿון זײַן אַדאָפּטירטער היים, שפּיגלט אָפּ יענע כּוחות וואָס האָבן שטורעמיש געפּאָרעמט דעם ראַיאָן. פֿראַמס שאַפֿן האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ רירנדיקן משל פֿונעם גלויבן פֿון מחנות ייִדן אימיגראַנטן אין דרום-אַפֿריקע, וואָס האָבן געשטרעבט אויפֿצושטעלן אַן אַפֿריקאַנער „גאָלדענע מדינה." דאַכט זיך אָבער אַז דער ייִעש האָט די טעג די אייבערהאַנט איבער דער האָפֿנונג. שוין מער ווי אַ יאָרצענדליק ווי דרום-אַפֿריקאַנישע יונגוואַרג עמיגרירט כּדי צו זוכן זיך זייערע גליקן. דאָס רעדל, הייסט עס, האָט זיך שוין ווידער איבערגעדרייט. אַזוי ווי אין דער ליטע, אַ כּלומרשטיקע מקום-מנוחה, דערמאָנט מען זיך הײַנט אויך אין דרום-אַפֿריקע ווי אין געבוירן-אָרט פֿון אַ דורכגעפֿאַלענעם צוזאָג. די דאָזיקע איראָנישע איבערחזרונג פֿון דער געשיכטע גיט צו נאָך מער טרויער צום אַנטווישסטן רעפֿריין וואָס געפֿינט אַן אָפּקלאַנג אין פֿראַמס שאַפֿונגען:

איך האָב געמיינט, אַז דאָ וועל איך געפֿינען שוין מײַן רו,
אַז דאָ וועלן דערפֿירן מיך די טעג,
אַז ס'וועט מיך מער ניט אָנלאָקן דער וועג
צו וואָגלען ווײַטער, ערגעץ אַנדערשוווּ.

און ווידער בענק איך מיד נאָך שטילער, ווײַסער רו.
איך האָב געמיינט, אַז ליב וועט זײַן מיר היגע ערד.
איז אָבער פֿון דאָס נײַ מיר וואַנדערן באַשערט
און זוכן נאָך אַ טרייסט אין ערגעץ אַנדערשוווּ.[1]

געבוירן געוואָרן אין פּאַנעוועזש אין 1903, האָט פֿראַם באַקומען אַ טראַדיציאָנעלן חינוך. בײַם אויסבראָך פֿון דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען אַ גזירה האָט פֿאַרטריבן די ייִדן פֿון תּחום-המושבֿ, האָט מען פֿאַרשיקט פֿראַם און זײַן משפּחה קיין סאַמאַראַ, רוסלאַנד. דאָרט האָט ער זיך געלערנט אין דער רוסישער גימנאַזיע, ווו ער האָט זיך געדרוקט צום ערשטן מאָל צו 18 יאָר אין אַ סטודענטישן זשורנאַל, אויף רוסיש. אין 1922 איז ער אַרײַן אין דער ייִדישער גימנאַזיע אין ווילקאָמיר. דאָרט האָט ער געוווינט און געלערנט בײַם גרויסן לינגוויסט יודל מאַרק, וואָס האָט אויף משפּיע געווען אויף זײַן שאַפֿן. ער האָט זיך געדרוקט אין אַ צאָל זשורנאַלן, נאָר אַרויסגעטראָטן איז ער אויף אַן אמת פֿאַר דער אַלוועלטלעכער ייִדישער פּאָעזיע אין 1927, מיט זײַן פּאָעמע „ר' יאָשע אין זײַן גאָרטן", אין ניו-יאָרקער צײַטשריפֿט „אויפֿקום". [2]

אין 1926 איז פֿראַם אַוועק קיין פֿראַנקרײַך, ווו ער האָט זיך געפֿונען מיט זײַנע פֿיר שוועסטער — קודם אין טולוז, דערנאָך אין פּאַריז. נאָר אויך דאָרט האָט ער ניט געפֿונען קיין רו, און אין 1927 האָט אַ פֿעטער אין יאָהאַנעסבורג אים צוגעשיקט אַ שיפֿקאַרטע אויף אַהינצופֿאָרן צו אים. אַזוי אַרום האָט אַפֿריקע זיך צוגעאייגנט איינעם פֿון אירע גרעסטע ליבהאָבער פֿון ייִדיש, כּמעט על-פּי צופֿאַל.

פֿראַמען האָט תּחילת שאָקירט און צעטרייסלט די בולטע קאָנטראַסטן פֿון זײַן נײַעם אַרום. גאָלד און זונענשײַן, אין־סופֿיקע בלויע הימלען, די אָפֿיציעלע דיסקרימינאַציע צווישן ווײַסע און שוואַרצע — די אַלע האָבן פֿאַרשטאַרקט זײַן בענקשאַפֿט נאָך די ווייכע לאַנדשאַפֿטן און צאַרטער היימישקייט פֿון דער ליטע. אין ערשטן ליד וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין דרום־אַפֿריקע, „ווערט דען גרינגער דערפֿון?״, דריקט אויס דער פּאָעט אַ געפּײַניקטע וויסיקייט פֿון דער אַכזריותדיקער אומגלײַכקייט צווישן די ראַסעס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ווײַסער שליטה איבער דרום־אַפֿריקע:

ווערט דען גרינגער אַמאָל, אַז געבענטשט איז דאָס לאַנד
מיט אַ זוניקער גאָב — גלײַך אַן אָפֿענער האַנט,
וואָס צעשענקט און צעטיילט, און פֿאַרטיילט, און צעשיט
מיט אַ קויף, אָן אַ מאָס און פֿון קײנעם באַהיט?

און פֿון שפֿע און גאָב, פֿון צעקוואָלענער ערד
איז נישט אַלעמען גלײַך צו געניסן באַשערט,
און דער, וואָס פֿאַרזייט און וואָס שאַפֿט און וואָס בויט —
איז באַגרענעצט אין זון און באַעוולט אין ברויט .

איז דען גרינגער דערפֿון, אַז עס צײַטיקט די טרויב,
און עס גילדערט אַ שטראַל ווו־נישט־ווו אויף אַ שויב? —
אַז אויף שויבן אַ סך איז פֿאַרלאָשן די זון,
ווערט דען גרינגער דערפֿון? [3]

פֿראַם האָט שטאַרק געבענקט נאָך זײַן געבוירן־אָרט, און געטרויערט דערנאָך אין פֿילצאָליקע לידער. אין איינעם, וואָס דערפֿון נעמט זיך דער טיטל פֿון זײַן לעצטער זאַמלונג, דערמאָנט זיך דער פּאָעט אין זײַן פֿאַרשווונדענעם לעבן אויף דער פֿאַרם פֿון זײַנע קינדער־יאָרן:

אויף מײַן דאַך האָט אַמאָל נאָך געצוויטשערט אַ שוואַלב,
און אין שטוב האָט געשמעקט מיט צופֿרידענעם ברויט,
און אין שטאַל האָט דער פֿרילינג געבוירן אַ קאַלב,
און אין קלייט האָט געפֿוילט נאָך פֿאַריאָריקער קרויט.

אומעטום, יעדער טראָט, יעדער איינציקער שפּאַן
האָט געקוואָלן מיט זון און געאָטעמט מיט פֿרייד.
אויפֿן טײַך איז געפֿאַלן פֿאַרנאַכט אַ טומאַן,
און מיט וואַרעמער ערד האָט פֿון פֿעלדער געווייט [4].

כאָטש בײַ פֿראַמען איז די ליטע געווען באמת אײַנגעבאַקן אין האַרצן, און עס האָט אים שטאַרק באַדויערט זײַן נײַער אויפֿגעצוווּנגענער גלות, האָט זײַן שאַפֿערישע בייגעוודיקייט אים צוגעשטעלט, אין יעדער נײַער סבֿיבֿה, אַ פֿרישן קוואַל אינספּיראַציע. במשך זײַנע יאָרן האָט ער זיך געפּרוּווט צובינדן צו אַפֿריקע, סײַ געזעלשאַפֿטלעך, סײַ אַרטיסטיש.

בשעת די נײַע סבֿיבֿה האָט דעם פּאָעט וואָס אַ מאָל מער אַרײַנגעצויגן, איז ער געריסן געוואָרן פֿון קאָנטראַסט צווישן די לאַנדשאַפֿטן פֿון דער ליטע און די פֿון אַפֿריקע. די פֿאַרבענקטע לידער זײַנען פֿאַרביטן געוואָרן פֿון די שטאַרקע אָפּרופֿן אויף היגע אימאַזשן, און פֿראַם האָט זיך ערנסט גענומען אָפּגעבן מיט דעם, וואָס איז שוין געוואָרן זײַן גרויסע אַמביציע: צו באַרײַכערן די ייִדישע ליטעראַטור, ווי ער האָט געזאָגט מלך ראַוויטשן, מיט אַ גאַנצן קאָנטינענט.

זײַן ערשטע זאַמלונג, „לידער און פּאָעמעס״, איז אַרויס אין ווילנע אין 1931. פֿון אָנהייב האָבן זיך אָנגעזען צוויי פֿאַרשיידענע פּאָעטישע נעטייעס. זײַן נאַטירלעכער טאַלאַנט איז געווען אַ לירישער, נאָר ער האָט אויך געפֿילט אַ שטאַרקע נייגונג צו דער עפּאָפּעע, געטריבן פֿון אַ פֿאַרלאַנג צו דעקן אַ וואָס ברייטערן ליַוונט מיט פֿילאָסאָפֿישע־סאָציאָלאָגישע מחשבֿות. קען זײַן אַז עס האָט אים געדאַכט, אַז די ליריק איז צו אַן ענגע רעם פֿאַר די שטאַרקע געפֿילן וואָס האָבן אין אים געגרוישט. עס שטייט אים דאָך כּסדר פֿאַר די אויגן דער ריז חיים נחמן ביאַליק, מיט וועלכן ער האָט זיך אַ קורצע צײַט אַדורכגעשריבן. דער דאָזיקער אימפּולסן־קאָנפֿליקט, און דאָס גלײַכצײַטיקע זוכעניש נאָך אַ פּאַסיקן

פּאָעטישן אויסדרוק, האָט געהערשט איבער דער שפּעטערדיקער שאַפֿונג פֿראַמס, אָן קיין באַשייד. נאָר פֿראַם האָט באַרײַכערט ביידע זשאַנערס מיט זײַן פֿילזײַטיקער שאַפֿונג, און דערמיט צום ערשטן מאָל אַרײַנגעבראַכט אַפֿריקע אין דער ייִדישער פּאָעזיע.

אין די 1930ער יאָרן איז ער געווען צווישן די ערשטע מיטגלידער פֿון „דער איינהאָרן", אַ געזעלשאַפֿט פֿון יונגע יאָהאַנעסבורגער שרײַבערס, מאָלערס און סקולפּטאָרן וואָס האָט זיך יעדן נאָכמיטאָג געטראָפֿן אין „איסט אַפֿריקען פּאַוויליען", אַ באַקאַנטן עלעגאַנטן קאַפֿע, כּדי זיך צו טיילן מיט געדאַנקען וועגן שאַפֿן אַן אייגענעם זשורנאַל און גרינדן אַ ליטעראַרישן קלוב.

פֿראַם האָט שטאַרק מצליח געווען מיט זײַן שרײַבן. חוץ זײַן פּאָעזיע, האָט ער אויסגענומען מיט צוויי אָפּערעטעס, און גענוג פֿאַרדינט דערמיט זיך צו באַזעצן אין לאָנדאָן אין עטלעכע יאָר אַרום. דערצו איז פֿראַם אין דער צײַט אַקטיוו געוואָרן ווי אַ ייִדישער פּובליציסט און רעדאַקטאָר.

נאָר זײַן אומרויִקייט האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. ער איז אַוועק פֿון יאָהאַנעסבורג אין 1934 אויף זײַן ערשטן וויזיט אין לאָנדאָן. האַרט פֿאַרן אויסבראָך פֿון היטלערס מלחמה, האָט ער זיך אומגעקערט אין דרום-אַפֿריקע, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט די שוואַרצע חורבן-טעג. דער דאָזיקער שרעקיקער פּעריאָד האָט אַרויסגערופֿן צוויי פֿון זײַנע בעסטע לידער, „אפֿשר" און „דאָס לעצטע קאַפּיטל", ביידע אַרויס אין 1947 אין לאָנדאָן. „אפֿשר" נעמט זיך פֿון אויטאָביאָגראַפֿיע, און מאָלט אויס יענע גײַסטיקן אומרו וואָס האָט געפֿונען זײַן דרויסנדיקן אָפּבילד אין פֿראַמס פֿיזישע וואָגלענישן. ס'ראָוו_ ליד גיט זיך אָפּ מיט דרום-אַפֿריקע, און באַשרײַבט די זיך-צעוואַקסנדיקע ווײַסע באַהערשונג, בפֿרט נאָך דער אַנטדעקונג פֿון גאָלד אויפֿן ריף. דער עצם טיטל פֿון ליד דריקט אויס דעם פּאָעטס שטאַרקע ספֿקות איבער דער באַרעכטיקטקייט פֿון אַלע אָנגענומענע ווערטן. „דאָס לעצטע קאַפּיטל", וואָס פֿיל האַלטן פֿאַר זײַן גרעסטע ווערק, שטעלט מיט זיך פֿאָר פֿראַמס הזכּרה נאָך די קדושים פֿון חורבן. אין דער קנאה נאָך די ייִדן פֿון דער ליטע ווערט דערמאָנט אַ פֿרידנדיקע, מערסטנס מיטישע, תּקופֿה ווען ייִד און גוי לעבן בשותּפֿות אין ברידערשאַפֿט. דער אמת האָט זיך אַרויסגעוויזן גרויליק אַנדערש.

דער פּאָעט, אַ צעטרייסלטער איבערן חורבן פֿון זײַן חלום, איז צעריסן צווישן דער ליבשאַפֿט צום לאַנד ווו ער איז געבוירן געוואָרן, און דער מוראדיקער אײַנזעונג אַז זײַנע תּושבֿים — טאַקע יענע ליטווינער-קאַטוילן וואָס ער האָט געוואָלט רופֿן ברידער — זײַנען ייִדן-פֿײַנט אויף דער זעלבער מאָס ווי די דײַטשן, פּונקט אַזוי פֿאַרראַטעריש און מערדעריש. דערפֿאַר ווערט דער פּאָעט אָפּגעשניטן פֿון אַמאָל, און וועט זיך אייביק שוועבן אין דער איצטיקייט, אַ פֿײַנלעכן כּף-הקלע.

ניט געקוקט אויפֿן אינעווייניקסטן אומרו, איז פֿראַם תּמיד געווען שטאַרק איבערגעגעבן די טאָג-אײַן טאָג-אויסיקע רעאַליטעטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. דאָס צוקומען צו דער מאַכט אין 1948 אין דרום-אַפֿריקע פֿון דער „אַפֿריקאַנער" [ווײַסער-ראַסיסטישער] נאַציאָנאַלער פּאַרטיי האָט אַוודאי אַרויסגערופֿן גרויס זאָרג בײַ די דרום-אַפֿריקאַנער ייִדן, צוליב די שטאַרק אַנטיסעמיטישע אַרויסזאָגונגען, סײַ בשעת סײַ נאָך דער מלחמה, פֿון אַפֿריקאַנער נאַציאָנאַליסטישער אָנפֿירערס, אַמאָליקע שטיצערס פֿון היטלער און די נאַציס, וואָס זײַנען שוין מיטגלידער פֿון קאַבינעט. ווען דער אַפֿריקאַנס-פּאָעט און פּובליציסט איגנאַטיוס מאָצקע האָט אין יולי 1948 געשריבן אין רעדאַקציע פֿון „סאַוט אַפֿריקאַן דזשויִש טײַמס", אַז ייִדן האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן פֿון דער נײַער רעגירונג, האָט זיך פֿראַם אָפּגערופֿן מיט אַ שטאַרקן בריוו.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אין נאָוועמבער 1948 האָט מאָצקע פֿאַרבעטן פֿראַמען אָנצופֿירן מיט דער ענגלישער בײַלאַגע פֿון זײַן ניט-פּאָליטישן אַפֿריקאַנס-זשורנאַל, „האָריסאָן", וואָס — זינט זײַן גרינדונג אין 1942 מיט אַ טיראַזש פֿון 22,000 — האָט זיך געשטעלט ווי זײַן ציל „דער אידעאַל פֿון ראַסן-טאָלעראַנץ און גוטע קאַוואָנעס", מיט אַרטיקלען „וועגן די ליטעראַרישע און אַרטיסטישע אויפֿטוען פֿון אַלע דרום-אַפֿריקאַנער פֿעלקער — מיט אַ כּיוון זיך אויפֿצוקלערן איינער צום צווייטן." ניט געקוקט אויף דער צעשטערערישער אַנטוישונג וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין דער ליטע, איז פֿראַם געבליבן בײַ זײַן גלויבן אין דער מעגלעכקייט פֿון דער קולטורעלער טאָלעראַנץ צווישן ייִדן און גויים.

נאָר ווי אַ סך אין דרום-אַפֿריקע, איז דער דאָזיקער אידעאַל קיין מאָל ניט מקוים געוואָרן. דוחק אין פֿאָנדן האָט ניט געלאָזט ווײַטער אַרויסצוגיין דעם זשורנאַל „האָריסאָן", און די ווײַטערדיקע פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין דרום-אַפֿריקע האָבן ניט פֿאַרמאַכט נאָר פֿאַרברייטערט דעם ריס צווישן ענגליש- און אַפֿריקאַנס-רעדנדיקע ווײַסע אין דרום-אַפֿריקע, פּונקט לויטן פֿאַרלאַנג פֿון נאַציאָנאַלן פּאַרטיי, וואָס האָט מיליטעריש געשטיצט די העגעמאָניע פֿון די ווײַסע „אַפֿריקאַנער".

כאָטש פֿראַם האָט ווײַטער געשריבן האָט ער נאָך אַלץ ניט געהאַט קיין רו. במשך דער מלחמה האָט ער געהאַנדלט מיט בריליאַנטן און פּערסישע טעפּעכער, דורך וועלכע ר׳איז אַ שטיק צײַט רײַך געוואָרן און געוואָרן אַ פֿאַרמער אין העקפּאָרט-ראַיאָן פֿון טראַנסוואַל-פּראָווינץ. עס האָט געדאַכט, אַז ער וועט זיך דאָרט באַזעצן, ווײַל העקפּאָרט האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ סבֿיבֿה וואָס האָט אים בענקנדיקערהייט דערמאָנט אין זײַן פֿאַרמער-זיידן, וועמעס לעבן ער האָט פֿאַראייביקט אין זײַן פּאָעמע „בײַם זיידן״.

נאָר זײַן גײַסטיקן אומרו האָט מען ניט געקענט אײַנשטילן. די פֿאַרם האָט מען פֿאַרקויפֿט, און פֿראַם האָט זיך איבערגעקליבן צו זײַן ברודער אין דעמאָלטיקן ראָדיזיע, ווו ער איז געוואָרן אַ שפּײַז-פֿאַבריקאַנט אין סאַליסבערי (הײַנט האַראַרע). זײַנע פּערזענלעכע שוועריקייטן במשך דעם אומרויִקן טייל לעבן האָבן פֿאַרטיפֿט זײַן פֿאַרשטאַנד פֿון די קאָמפּליצירטקייטן פֿון לעבן אין אַפֿריקע. דעם שוואַרצן, דורכויס אַ פֿרעמדער אין די אויגן פֿון מזרח-אייראָפּעיִשן אימיגראַנט, דערקענט מען וואָס אַ מאָל ווײַטער ווי דער דרייפּונקט פֿון יעדער אומר און עושׂה אויפֿן ריזיקן קאָנטינענט — בכן איז אַוודאי פּאַסיק וואָס ער איז געוואָרן אין פֿראַמס דעמאָלטיקע לידער דער צענטראַלער פֿיגור.

דער פּאָעט באַשרײַבט אויך אויף אַ לעבעדיקן אופֿן דעם שטיינערדיקן באָדן און די שׂריפֿהדיקע הימלען. אייגנאַרטיק אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען אַזעלכע לידער, צום ערשטנס אַרויס אין די 50ער יאָרן אין „דרום-אַפֿריקע״, ווי „מאַטאַבעלאַ״, „מאַטאַטולו״, און „מאַטומבאַ״. דאָרט צום ערשטן מאָל ווערן באַלעבט דעם קראַאַל, דעם אַססעגײַ, דעם קנעכלרינג. אין פֿראַמס פּערזן טרעטן דרייסט אַרויס אַלע הויפּט-שפּילער אויף דער דרום-אַפֿריקאַנער בינע. זײַן פּאָעמע „באָערען״ כאַפּט אויף אַ פּאָרטרעט פֿון דאָרפֿישן ווײַסן „אַפֿריקאַנער״ [5], בשעת דער לאַנגער נאַראַטיוו „וויליאַם סקאָט״ גיט אָפּ כּבֿוד אויף אַ סענסיטיוון אופֿן די ווײַסע, וואָס האָבן זיך העלדיש געראַנגלט צו אַוואַנסירן די געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג פֿון שוואַרצן ראָוו. אין דרום-אַפֿריקע.

פֿראַמען, אַ געניויעטער פֿון זײַן צוזאָג צו ראַוויטשן, האָט תּמיד צוגעצויגן די עפּאָפּעע — אַרומצוכאַפּן גאַנץ אַפֿריקע מיט אַ ליד. אין העקפּאָרט, אין גאָר אַ פּאַסיקער סבֿיבֿה, האָט ער זיך אונטערגענומען צו באַשרײַבן די אומרויִקע געשיכטע פֿון שוואַרצע און ווײַסע אין דרום-אַפֿריקע, און מאַפּירן די באַציונגען פֿון „אַפֿריקאַנער״ און ייִדן איינע מיט די צווייטע, און מיט דעם פּראַכט און גרויל פֿון טונקלען קאָנטינענט. צום ערשטנס האָט ער בדעה געהאַט אָנצורופֿן די פּאָעמע „וואָלקנס איבער העקפּאָרט״, נאָר דאָס אָנגעשריבענע טראָגט דעם פּשוטן טיטל „אין אַפֿריקע״. פֿאַרענדיקט האָט מען נאָר צוויי אָפּטיילן פֿון די פֿירגעלייגטע פֿינף, נאָר די פּאָעמע ווי זי שטייט און גייט פֿאַררעכנט מען צווישן פֿראַמס אימפּאָזאַנטסטע און אימאַזשן-רײַכע פּערזן, וואָס זײַנע ריזלדיקע ליריק מאָלט אָפּ אויף אַ שטאַרקן אופֿן דאָס געזעענס, געהערטס, און געשמעקטס פֿון דער אַפֿריקע וואָס דער פּאָעט האָט גאָר גוט באַקאַנט נאָך זעכציק יאָר.

לכּבֿוד זײַן אַכציקסטן יובֿל אין 1983, האָט מען אַרויסגעגעבן אין יאָהאַנעסבורג, דורך אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, אַ זאַמלונג פֿון אַלע זײַנע לידער אָנגעשריבענע נאָך דער מלחמה, אונטערן טיטל „אַ שוואַלב אויפֿן דאַך״. אַרויסהייבן דאַרף מען באַזונדערש פֿון דער זאַמלונג דעם פּראַכטיקן לידער-ציקל „לידער צו אַ פֿרוי אַזאַ ווי דו״, וואָס אַן ערך אַ העלפֿט דערפֿון דרוקט מען אין דער דאָזיקער זאַמלונג צום ערשטן מאָל [6]. דער דאָזיקער ציקל ליבעלידער אַנטדעקט נאָך אַן אַספּעקט פֿון פֿראַמס בעסטע לידער: אַ פּאָעזיע וואָס איז ווי לעבעדיק מיט אַ שטאַרקער קאָמבינאַציע לײַדנשאַפֿט, פּעסימיזם, און עראָטישקייט. אַזאַ געמיש איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַן בעסטע דיכטונג און האָט צוגעצויגן דעם אויפֿמערק פֿון ניט איין איבערזעצער.

האָט פֿרילינג פֿאַרשמעקט
מיט זײַן איידלען צוויט,
ס׳האָט שוין דער אָראַנדזש, דער מילגרוים,
דער עפּלבוים ערגעץ געבליט.
רײַך האָט דער טאָג זיך צעוואַרעמט,
געגאָסן, געגאָסן מיט גאָלד.
בליִען האָב איך אין דער שעה
אויך אַזוי ווי דער אָראַנדזש געוואָלט.
בליִען מיט גלויבן, מיט יוגנט,
מיט וואַרעמער, זוניקער פֿרייד, —
שטיל נאָך געפֿינען אַ רו
אין דעם ווייכן גערויש פֿון איר קלייד,
טרינקען די בשׂמים פֿאַרשיכּורט

וואָס רויכלען זיך פֿון אירע האָר,
און אויף אַ ווײַל כאָטש פֿאַרגעסן

דעם אמת פֿון ניכטערער וואָר,
און אויף אַ ווײַל כאָטש געפֿינען
אַ רעשט פֿון אַ זיכערן שלאָף, —
ווערן באַגנעדיקט פֿון לײַדן
ווי דער פֿאַרברעכער פֿון שטראָף,
און נאָך פֿאַרנעמען די שיינקייט
פֿון פֿרילינג, פֿון זויבערן צוויט.
זי איז געקומען מיר טרייסטן
מיט לײַכטע, מיט זוניקע טריט. [6]

ווען ס׳איז אַרויס די זאַמלונג לכּבֿוד פֿראַמס אַכציקסטן יובֿל, האָט אַ באַקאַנטער געטענהט צו אים, אַז שוואַלבן זיצן ניט אויף קיין דעכער. כאָטש דעמאָלט האָט מען געקענט גרינג ענטפֿערן דעראויף אַז בײַ דוד פֿראַמען אויפֿן דאַך זיצן זיי יאָ, איז די טענה ניט-בכיוונדיק אַ באַרעכטיקטע לגבי פֿראַמס סטאַבילע פּאָעטישע אינטערעסן. ניט שוין זשע זײַנען זיי די חלומות פֿון די קינדער-יאָרן, די זכרונות פֿון דער ליטע, דער באַליבטער און פֿאַרלוירענער? זיכער ניט. דער אמתער עיקר פֿון פֿראַמס לידער איז עס דער פּײַן און דער עלנט, עגמת-נפֿש און ניט-דערערדטקייט:

וויל איך זינגען מיט די שטילקייט
אין מײַן סודותפֿולן היכל;
אפֿשר וועט די נאַכט מיר שענקען
פֿאַר מײַן ליד אַ ווײַסן שמייכל. [7]

זינגענדיק מיט דער שטילקייט, וועט דוד פֿראַם זיך אַרײַנגנבֿענען, ווי איינער פֿון די לעצטע שטימען פֿון ייִדישן ראָמאַנטיציזם, אין דער פּאָעטישער וויסיקייט פֿון זײַן שפּראַך און זײַן פֿאָלק.

## דאַנקוואָרט און אַפּעל

אַ האַרציקע דאַנקשאַפֿט פֿאַר עצות און פלייצעס אין מײַן פֿאָרשונג וויל איך אָפּגעבן מר. אַרטור מאַרקאָוויץ ז״ל, וואָס איז געווען דוד פֿראַמס אַ נאָענטער חבֿר פֿון פּאָעטס ערשטן אָנקום אין דרום-אַפֿריקע ביז זײַן טויט. די עסיי איז אַן ערשטיקער אָנוואַרף פֿון אַ ברייטערן ביאָגראַפֿישער-קריטישער שטודיע פֿון דוד פֿראַמס לעבן און שאַפֿן, וואָס איך אַרבעט ווײַטער דערויף. אַלע בײַשטײַערן צו און קריטיק פֿון דער שטודיע, פֿון די וואָס האָבן געקענט דעם פּאָעט אָדער פערזענלעך אָדער דורך די ווערק זײַנע, וואָלט איך גאָר האַרציק אויפֿגענומען. שטאַרק געשאַצט וואָלט איך אויך וואָסערע ניט איז נײַע ביאָגראַפֿישע פּרטים, פערזענלעכע אַנעקדאָטן, אָדער פרעסע-אויסשניטן. באַזונדערש נײַגעריק בין איך אויך נאָכצושפּירן די מקורים פֿון פֿראַמס פּאָעזיע, וואָס מע האָט ניט אַרײַנגערעכנט אין זײַנע צוויי הויפּטזאַמלונגען. פֿאַראַן אַ שטאַרקע מעגלעכקייט פֿון אַרויסגעבן אַ יובֿל-אויסגאַבע פֿון פֿראַמס געזאַמלטע לידער, מיט אַן אָפּקלײַב ענגלישע איבערזעצונגען, און כ׳וואָלט זיך געפֿרייט צו הערן פֿון פּאָטענציעלע שטיצערס פֿון אַזאַ פּראָיעקט.

## הערות

1. פֿראַם, ד. „איך האָב געמיינט אַז דאָ וועל איך געפֿינען מײַן רו״, אין לידער און פּאָעמעס (ווילנע: דוד פֿראַם אַרויסגעבונג-קאָמיטעט, 1931) זז 12-13.

2. דאָרט, זז 91-99.

3. פֿראַם, ד. „ווערט דען גרינגער דערפֿון?״, דאָרט, זז 5-6.

4. פֿראַם, ד. „אויף מײַן דאַך האָט אַמאָל נאָך געצוויטשערט אַ שוואַלב״, אין אַ שוואַלב אויפֿן דאַך (יאָהאַנעסבורג: קאַיאָר, 1983), ז 67.

5. דעם ייִדישן טעקסט „באָערען״ דרוקט מען אין לידער און פּאָעמעס, דאָרט, זז 249-210.

6. פֿראַם, ד. „פֿרילינג״, אין אַ שוואַלב אויפֿן דאַך, ז 9.

7. דעם ציקל האָט פֿראַם אָנגעשריבן אין די פֿריִע 30ער יאָרן. דער פֿולער ציקל כאַפּט אַרום אַ זעכציק לידער, וואָס ניט אַלע דערפֿון האָט מען געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן. אַ סך האָט מען געמיינט ווי סאַטירישע אָדער עראָטישע עטיודן, אָדער וויצן. [בעל-פּה פֿון אַרטור מאָסקאָוויץ ז״ל]